**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווענער האקול מעלדט פלאן פאר די 1 ביליאן דאלאר נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם שטיצענדיג קלימאט שריט און דשאבס

***גרויסע אינוועסטירונג וועט פאראויסרוקן ריינע ענערגיע, שניידן עמיסיעס און פארברייטערן גרינע אינפראסטרוקטור איבערן סטעיט***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט, ווען נעמענדיג אנטייל אין די פאראייניגטע שטאטן קלימאט פארבאנד'ס רונדע-טיש, געמאלדן די קומעדיגע שריט פאר איר לאנדמארק 1 ביליאן דאלאר נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם צו פארשנעלערן קאפיטאל פראיעקטן אין ניו יארק'ס אריבערגאנג צו א ריינערע, גרינערע צוקונפט. די היסטארישע אינוועסטירונג וועט שאפן גוט באצאלענדע דשאבס, נידערן ענערגיע קאסטן פאר ניו יארקער און שניידן שעדליכע עמיסיעס אין די שאטן פון פעדעראלע צוריקווייזונגען.

"ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער אין קלימאט שריט, און אונז ווייזן אז אונז קענען בויען א בליענדע גרינע עקאנאמיע ווען באשיצענדיג די פלאנעט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "טראץ דעם וואס אנדערע קענען אפשר צוריקציען, פארדאפלן אונז אונזער אנשטרענגונגען. די 1 ביליאן דאלאר אינוועסטירונג פון אונזער נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם וועט דירעקט בענעפיטרין ניו יארקער דורך מאכן אונזערע היימען מער ענערגיע-עפעיציענט, אונזער שולעס מער געזונט און אונזער געמיינדעס מער שטאנהאפטיג. אונז שאפן דשאבס, פארבעסערן פובליק געזונט און פארזיכערן א גלייכע און צוגענגליכע אריבערגאנג פאר יעדער געמיינדע."

די 1 ביליאן דאלאר נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם, געמאלדן אין די היי יעריגע סטעיט פון די סטעיט, איז די גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס היסטאריע. די היינטיגע מעלדונג אלאקירט געלטער צו שליסל ערטער פון די סטעיט'ס קלימאט פלאן צו העלפן מאכן די אריבערגאנג מער צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער.

### פארשטערקערענדיג ניו יארקער מיט ענערגיע עפיציענץ

50 מיליאן דאלאר וועט ווערן אלאקירט צו די EmPower+ פראגראם צו צושטעלן פאר נידריג- און מיטלמעסיגע-איינקונפט איינוואוינער מיט אומזיסטע היים ענעריגע אפשאצונגען און ענערגיע עפיציענץ פארבעסערונגען. NYSERDA וועט פאקוסירן די געלטער אויף הויך פאמפ אינסטאלירונגען, א שליסל טעכנעלאגיע פאר פארמינערן אנגעלייגטקייט אויף פאסיל פיועלס אין רעזידענטשעל הייצונג און קילונג.

### פארגרינערן אונזער שולעס

50 מיליאן דאלאר וועט ווערן גענוצט צו העלפן אינטער-רעסארסד פובליק שולעס איבער די סטעיט דיקארבאניזירן זייער געביידע פארטפאליאס. די אינוועסטירונג וועט פארבעסערן לופט קוואליטעט אינעווייניג פאר סטודענטן און איינגעשטעלטע און פארמינערן די שולעס קארבאן פוסטריט.

**אינוועסטירן אין טערמעל ענערגיע נעטווארקס**
200 מיליאן דאלאר איז דעדיקירט צו פארברייטערען טערמעל ענערגיע נעטווארקס, וועלכע נוצן א סיסטעם פון רערן צו מיטטיילן הייצונג און קילונג רעסארסן אינערהאלב פולצאליגע געביידעס. די געלטער וועט שטיצן געביידעס אין מוניציפאליטעט און סטעיט אייניגטום געביידעס, און וועט ספעציפיש אריינרעכענען אפאר פראיעקטן אינערהאלב די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק (SUNY) סיסטעם:

- SUNY Purchase: מ50 מיליאן דאלאר צו אויסשטעלן און אויפבויען די ערשטע פאזע פון א טערמעל ענערגיע נעטווארק און אוועקשטעלן א ראם פאר צוקונפטיגע גיא-טערמעל סיסטעמען אויף קאמפוס.
- סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק ביי באפעלא: 68 מיליאן דאלאר צו אויסשטעלן און אויפהויבן ענערגיע האבס און טערמעל ענערגיע נעטווארקס, ענדיגן מיט פאסיל פיועל באזירטע סיסטעמען און זיי ערזעצן מיט אויפן-פלאץ עלעקטרישע סיסטעמען.
- סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק ביי סטאני ברוק: 22 מיליאן דאלאר צו אויסשטעלן און אויפבויען טערמאל ענערגיע סיסטעמען ביי צוויי געביידעס אויף קאמפוס.

**מאכענדיג די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע מער צוגענגליך פאר היים אייגענטומער און קליינע געביידעס**
150 מיליאן דאלאר וועט שטיצן די לאזן אין גאנג פון א נייע גרינע קליינע געביידעס פראגראם ( Green Small Buildings Program), אדמיניסטרירט דורך די ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדעס אויפרישונג (Homes and Community Renewal, HCR) צו העלפן בארעכטיגטע היימען מיט מאכן ענערגיע-עפיציענט פארבעסערונגען, אריינגערעכנט הוץ פאמפס.

**פארברייטערן ריינע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור**
צו פארשנעלערן די אריבערגאנג צו עלעקטרישע וויקעלס, גאווענער Hochul (האקול) האט געמאלדן אפאר סיגניפשע אינוועסטירונגען:

- 100 מיליאן דאלאר פאר נול-עמיסיע שולע באסעס און זייער שטיצענדיגע אינפראסטרוקטור
- כאטשיג 50 מיליאן דאלאר צו שטיצן מיטלמעסיגע- און שווער-דוטי וויקעל טשארדישנג, אריינגערעכנט 15 מיליאן דאלאר פאר דיפא טשארדישנג פאר פלאטעס און 35 מיליאן דאלאר פאר מיטגעטיילטע "טשאדשינג האבס" ביי פארטיילונג צענטערן און פארטס.
- כאטשיג 50 מיליאן דאלאר צו צושטעלן ריבעיטס פאר EV טשארדשינג סטאנציעס ביי ארבעטספלעצער, מולטיפאמיליע געביידעס און גרויסע פובליק סעקטאר ארגענעזאציעס, מאכענדיג טשארדשינג מער צוגענגליך און ביליג.

**פארשנעלערענדיג באנייענדע ענערגיע פאריעקטן**
200 מיליאן דאלאר וועט ווערן צו געשטעלט צו די ניו יארק קראפט אוטאריטעט ( New York Power Authority , NYPA) צו פינאנצירן פולע באנייענדע ענערגיע אויפטרייבונג פראיעקטן. די געלטער וועט העלפן פארמינערן ראטעצאלער קאסטן ווען NYPA זעצט פאר צו בויען נייע באנייענדע צו געבן קראפט פאר ניו יארק סטעיט.

סיי וועלכע ווייטערדיגע דעטאלן אומבאלאנגט די נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם וועט ווערן געמאלדן ביי א שפעטערדיגע דאטום, וויבלאד ניו יארק איז פארפליכטעט צו מאכן סטראטעגישע, הויך ווירקענדע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן בענעפיטירן אלע ניו יארקער.

**ניו יארק סטעיט ענעריגע פארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority) פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. האריס) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul (האוקל) האט קלאר געמאכט איר פארפליכטונג צו שטיצן לאנג יעריגע אינוועסטירונגען ווי די נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם צו האדוווען א פארבעסערטע קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער. ריינענדיג די לופט אונז אטעמען ווען נידערן ענערגיע קאסטן דורך פאראויסרוקן באנייענדע ענערגיע פראיעקטן, נול-עמיסיע טראנספארטאציע אפציעס און ענערגיע עפינציענץ געביידע פארבעסערונגען שטעלט צו פאר געמיינדעס איבער די סטעיט א קריטישע גרונט פאר א נאככהאלטיגע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג (Department of Environmental Conservation) קאמישענער Amanda Lefton (עמענדע לעפטאן) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) מאכט פאלק-פירענדע אינוועסטירונגען צו עכט באקעמפען קלימאט טויש און מאכן א צוקונפט באמת נאכהאלטיג אין ניו יארק. די לאנדמארק 1 ביליאן דאלאר נאכהאלטיגע צוקונפט אינוועסטירונג פראגראם טוט שטיצן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו א צוגענגליכע און ביליגע גרינע צוקונפט וועלכע וועט צושטעלט פארלייכטערונג פאר היים אייגענטומער, שאפן ריינע ענערגיע דשאבס און פארמינערן פארפעסטיגונג איבערן סטעיט."

**ניו יארק קראפט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (דשאסטין א. דריסקאל) האט געזאגט,** "די קראפט אויטאריטעט טוט פאראויסרוקן די גרעסטע פארטפאליא פון יוטיליטי-שטאפל, ריינע ענערגיע אויפטרייבונג אין צענדליגע יארן און די נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם וועט אונז העלפן ברענגן וויכטיגע פראיעקטן צום ווירקליכקייט. וואן אונז בויען פראיעקטן, אליין אדער אין מיטארבעט, מוזן אונז נעמען אין באטראכט קאפיטאל קאסטן, לאנג-טערמיניגע מעינטענענס, פיועל קאסן און פינאנצירונג. די גאווערנער'ס אינוועסטירונג אין באנייענדע פראיעקטן פון די נאכהאלטיגקייט פאנד וועט אונז ערמעגליכן צו זיין שאוועל גרייט שנעלער אויף פריאריטעט פראיעקטן."

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע אויפרישונג (Homes and Community Renewal) קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (רוטענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "די קריטישע אינוועסטירונג וועלכע ווערט געמאכט דורך די נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם וועט צושטעלן די בעסטע פון ביידע וועלטן - עס וועט אנטוויקלן וויכטיגע וועגן צו לאנג-טערמיניגע נאכהאלטיגקייט און וועט מאכן ניו יארק מער צוגענגליך פאר די איינוואוינער און ביזנעסער דא היינט. ביי HCR, אונז זענען פריילעך די 150 מיליאן דאלאר אלאקירט צו שאפן די גרינע קליינע געביידעס פראגראם וועט ערלויבען בארעכטיגטע היים אייגענטומער און דינגער צו בענעפיטירן פון נייע הייצונג סיסטעמען וועלכע פארבעסערן עפיציענץ און פארמינערן ענערגיע קאסטן. אונז דאנקן גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע באמיהונגען צו באקעמפען קלימאט טויש דורך זיך אינטערוואַרפן אינטער פראגראמען וועלכע וועלן פארזיכערן א גרינערע צוקונפט פאר אלע פון ניו יארק סטעיט."

**סוני טשענסעלאר John B. King Jr (דשאן ב. קינג דשוניאר) האט געזאגט,** "SUNY בלייבט פארפליכטעט צו העלפן גאווערנער Hochul (האקול) עררייכען די סטעיט'ס קלימאט צילן, און א דאנק צו איר אינוועסטירונג וועלן אונז קענען אריבערטראגן די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק ביי באפעלא, SUNY Purchase און די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק ביי סטאני ברוק צו מער עפיציענט און נאכהאלטיגע ענערגיע קוועלער. די פינאנצירונג וועט העלפן SUNY עררייכען איר ציל פון נעט נול גרינהויז גאז עמיסיעס און פארזיכערן סטודענטן וועלן האבן א מער לעכטיגע, מער נאכהאלטיגע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט AFL-CIO פרעזידענט Mario Cilento (מאריא צילענטא) האט געזאגט,** "אונז שטיצן גאווערנער Hochul's (האקול'ס) פארפליכטונג צו פארשנעלערן די סטעיט'ס ריינע ענערגיע צילן,

א שריט וועלכע טוט נישט נאר שאפן גוט באצאלענדע דשאבס און נידערט ענערגיע קאסטן נאר טוט אויך סיגניפיש בענעפיטירן שוואר ארבעטענדע ניו יארער. ווען אונז גיין אריבער צו א גרינערע עקאנאמיע, אונז מוזן אינוועסטירן אין אונזער ארבעטסקראפט, ספיציעל דורך פארזיכערן אז ניו יארק'ס ריינע ענערגיע און קלימאט פראיעקטן זענען געבויעט, אנגעפירט, אויסגעהאלטן, פאראכטן, און פראדוצירט דורך ארבעטער וואס פארדינען גוט באצאלט, און האבן הנאה פון די בענעפיטן און באשיצונגען גאראנטירט דורך יוניאן קאנטראקטן."

**ניו יארק סטעיט געביידע טרעידס פרעזידענט Gary LaBarbera (גערי לאבערבערא) האט געזאגט,** "אויב ניו יארק גייט סוקסעפסול אוועקשטעלן א שטארקע גרינע עקאנאמיע וועלכע שטאפירט אונז צו נאכקומען אונזער קלימאט און ענערגיע צילן, מוזן אונז פארזיכערן אז אונז שאפן גוט באצאלענדע יוניאן קאריערערס וועלכע וועט געבן פאר מער שוואר ארבעטענדע מענטשן די געלעגנהייט צו נאכגיין די מיטל קלאס און ווידער אינוועסטירן אין זייער געמיינדעס. אינוועסטירונגען ווי די נאכהאלטיגע צוקונפט פאנד, וועלכע שטעלט אוועק אפרענטיסשיפ פראגראמען, פראיעקט לעיבאר אפמאכן און אנגייענדע וועידש פארלאנגען אין פראיעקטן ביי די גרונט פון די סטעיט'ס ריינע ענערגיע אריבערגאנג זענען קריטיש צו די באמיהונגען. מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) פארן ווייטער פאראויס שטופן די איניציאטיוון וואס וועט שטיצן אונזער נאכהאלטיגע צוקונפט און פארבעסערן די לעבנס פון אומצאליגע ניו יארקער, אריינגערעכנט אונזער פאכלייט."

**ניו יארק דירעקטאר פון די געביידע דיקארבאניזאציע קאאליציע Lisa Dix (ליסא דיקס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) טוט ווייזן וויאזוי סטעיטס קענען פירן דורך זיין א ביישפיל. ניו יארק'ס איין ביליאן דאלאר נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם איז א קריטישע טריט פאראויס צו א מער געזונטע און מער אייניגע צוקונפט, נידערנדיג ענערגיע קאסטן פאר פאמליעס און שאפענדיג טויזנטע גוטע דשאבס. די געביידע דיקארבאניזאציע קאליציע טוט שטארק שטיצן פינאנצירונג פאר טערמעל ענערגיע נעטווארקס, וועטעריזאציע, נוץ פאמפס און די EmPower+ פראגראם וועלכע וועלן שניידן עמיסיעס און פארברייטערן צוטריט צו ריינע ענערגיע. מיר קוקן ארויס צו אונזער ווייטערדיגע צוזאמענארבעט מיט גאווערנער Hochul (האקול) צו פאראויסרוקן די קריטישע פראגראמען,"

**Climate Jobs עקזעקעטיווע דירעקטאר Esther Rosario (אסתר ראזאריא) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul's (האקול"ס) נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם איז א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. די רעסארסן וועלן שניידן עמיסיעס, שאפן גוטע יוניאן דשאבס און נידערן ענערגיע קאסטן פאר פאמילעס. פון טערמעל ענערגיע נעטווארקס צו פארברייטערטע NYPA באנייענדע ענערגיע פינאנצירונג און שטיצע פאר EmPower+, די אינוועסטירונגען ברענגן אונז נענטער צו א מער געזונטע, מער צוגענגליכע און שטאנדהאפטיגע ניו יארק. אונז דאנקן גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט אין א צייט ווען ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זענען אינטער אטאקע, און פארן פאראויסריקן א דרייסטע וויזיע פאר אונזער סטעיט'ס צוקונפט."

**ניו יארק ליגע פון אפהיטונג וויילער Julie Tighe (יולי טיי) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס די פעדעראלע רעגירונג ציט צוריק פון איר פארליכטונגען, ניו יארק שטעלט זיך אהער דורך אינוועסטירן אין ריינע לופט, גוט-באצאלענדע דשאבס און מער געזונטע געמיינדעס. פון הוץ פאמפס אין אונזער היימען צו ריינע רייזעס פאר קינדער, פון שטיצן באנייענדע און פינאנצירן לעצטיגע טערמעל ענערגיע נעטוארקס, די נאכהאלטיגע צוקונפט פראגראם ליפערט ריכטיגע, דרייסטע שריט פאר ניו יארקער. אונז אפלאודירן גאווערנער Hochul (האקול) פארן ווייזן די לאנד וויאזוי שטארקע סטעיט פירערשאפט קוקט אויס."

**Evergreen Action וויצע פרעזידענט פאר סטעיטס Justin Balik (דשאסטין באליק) האט געזאגט,** "אין די שאטן פון פעדעראלא צוריקציאונג, עס איז קלאר אז אונז וועלן ארויסקוקן צו סטעיטס

פאר פירערשאפט צו לייזן אונזער מערסט דריקענדע שוועריגקייטן. די אינוועסטירונגען וועלן נידרען קאסטן און שנידן פארפעסטיגונג, צושטעלדיג זעהבארער און באדייטפולע בענעפיטן צו ניו יארקער איבער די סטעיט. די שריט דורך גאווערנער Hochul (האקול) שטעלט א שטארקע גרונט צו בויען אויף גייענדיג ווייטער."

**טראקינג אסאסיאציע פון ניו יארק פרעזידענט Kendra Hems (קענדרא העמס) האט געזאגט,** "די טראקינג אינדוסטריע איז גענצליך פארפליכטעט צו נאכהאלטיגקייט. פון אויפנעמען נידריג סולפור דיזעל, צו נאכקומען און איבערשטייגן EPA עמיסיע סטאנדארטן, צו אינוועסטירן אין ריינערע פיועלס ווי CNG און באנייענדע דיזעל, אונזער אינדוסטריע האט שטענדיג זיך אינטערגעווארפן אינטער איניציאטיוון וועלכע פארמינערן עמיסיעס און פארבעסערן לופט קוואליטעט. ארייננברענגן עלעקטרישע טראקס אין די אפליקאציעס וואו זיי מאכן די מערסטע סענס איז א וויכטיגע טריט פאראויס. אבער צו מאכן עלעקטריפיקאציע ערייכפול, דארפן אונז אונזער רעגירונג מיטארבעטער צו אינוועסטירן אין די אינפראסטרוקטור וועלכע וועט עס שטיצן. דעס איז פארוואס אונז אפלאודירן די הייַנטיגע מעלדונג וועלכע אלאקירט דעדעקירטע געלטער פאר מיטלמעסיגע און שווערע דיוטי טראק טשארדינג אין ניו יארק סטעיט. די אינוועסטירונג רעפריזענטירט א קריטישע מיילשטיין פאראויס צו בויען א ריינערע, מער עפיציענט פרייט סיסטעם ווען פארזיכערענדיג די פאראנטווארטליכקייט אונזער עקאנאמיע פארלאט זיך אויף."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן